**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/19/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו פאַרברייטערן דעם אָפּיאָיד סעטלמענט באָרד פון 19 אויף 21 מיטגלידער**

***גאווערנער אנאנסירט צוויי נייע באשטימונגען***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט, נאכ'ן אונטערשרייבן לעגיסלאציע צו פאַרברייטערן דעם אָפּיאָיד סעטלמענט באָרד פון 19 מיטגלידער אויף 21 מיטגלידער, אנאנסירט אירע צוויי באשטימונגען צו דעם באָרד.

״אין דער צייט וואס מיר קערן זיך אום פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, מוזן מיר זיין אנטשלאסן אויך צו לינדערן די תוצאות פון דער אָפּיאָיד פאנדעמיע וואס ניו יארקער האבן מיטגעמאכט פאר פילע יארן,״ **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** ״צוליב דעם באשטים איך ען קאנסטאנטינא און דעבּרא פאנטין, צוויי געטרייע און קוואליפיצירטע פובליק באדינער צו ארבעטן מיר מיך אינאיינעם אין ליפערן רעזולטאטן צו פארבעסערן דאס פארמיידן, באהאנדלען, און ערהוילן פאר ניו יארקער וועלכע נייטיגן זיך אין אונזער שטיצע.״

**ען קאנסטאנטינא** איז באשטימט געווארן צו דעם **אָפּיאָיד סעטלמענט באָרד.** מס. קאנסטאנטינא איז דער פרעזידענט און CEO פון ׳הארייזאן העלט סערוויסעס׳, און האט געארבעט ביי ׳הארייזאן׳ זינט 1986 וואו זי האט אנגעהויבן אלס טשיעף אפערעיטינג אפיסער. אלס CEO, האט מס. קאנסטאנטינא געזען א פארברייטערונג פון סערוויסעס אין מערב ניו יארק. אלס רעזולטאט פון דער פארברייטערונג, איז ׳הארייזאן העלט סערוויסעס׳ געשטיגן און געווארן איינע פון די גרעסטע באזארגער פון גייסטישע געזונט און עדיקשען באהאנדלונג און שטיצע סערוויסעס פראָווײדערס אין מערב ניו יארק. מס. קאנסטאנטינא איז א שטאלצע מערב ניו יארק, האבנדיג גראדואירט פון באפעלאו סטעיט (BA) און SUNY באפעלאו (MS). מס. קאנסטאנטינא איז אקטיוו אין איר קאמיוניטי און אויף מערערע באָורדס ווי צ.ב.ש.: אמהערסט טשעימבער אָוו קאָמערס, עקזעקיוטיוו קאמיטע מיטגליד: ניו יארק סטעיט עדיקשען סערוויסעס פראווײדערס, עקזעקיוטיוו קאמיטע: קאאליציע פאר קאמיוניטי סערוויסעס, א נעטוואָרק פון ניו יארק SUD באהאנדלונג אגענטורן.

**דעבּרא פאנטין** איז באשטימט געווארן צו דעם **אָפּיאָיד סעטלמענט באָרד.** מס. פאנטין איז דער פרעזידענט און CEO פון דעם אוטריטש אנטוויקלונג קארפארעישען וועלכע געפונט זיך אין ריטשמאנד היל, ניו יארק. אלס CEO, מס. פאנטין פאקסירט אויף ניצן איר 30 יאר ערפארונג אין די סובסטאנץ באניץ און גייסטישע געזונט באהאנדלונג געביט. מס. פאנטין איז א סאציעלע ארבעטער אין איר פאך וועלכע האט א ברייטע הינטערגרונד אין אונטערהויבן קאמיוניטיס און פארבעסערן תוצאות. בשעת'ן ארבעטן אלס CEO פון VIP קאמיוניטי סערוויסעס אין די בראנקס, האט מס. פאנטין געקענט העלפן אויפזען פרעצעדענטלאזע אויפשטייגונג אין אגענטור אפעראציעס. פינאנצירונג איז געהעכערט געווארן פון 21 מיליאן דאלער אויף 30 מיליאן דאלער אונטער איר אמט. מס. פאנטין איז פרעזידענט פון דעם

אלקאהאליזם און סובסטאנץ באניץ פּראָווײדערס פון ניו יארק סטעיט (ASAPNYS) און איז דער פארזיצער פון דעם באָורד אָוו דירעקטאָרס פון ׳מענטאל-העלט ניוז עדיוקעשען׳. זיך האט אנטײלגענומען אין פילצאליגע נאציאנאלע, סטעיט און ארטיגע באורדס, און איז פריער געווען די מיט-פארזיצערין פון דער סובסטאנץ באניץ באהאנדלונג קאמיטע פאר די קאאליציע פון אויפפירעכטס-געזונטהייט אגענטורן.

דער ניו יארק סטעיט אסאסיעשען פון קאונטיס (NYSAC) האט געמאכט דריי רעקאמענדאציעס פאר באשטימונג צו דעם אפּיאָוד סעטלמענט באָורד וועלכע ווערן איצט איבערגעקוקט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן